114 Invermay Avenue
Downsview, Ontario
Canada
M3H 1Z8

12.7.81.

ליבער דוד קאץ,

דאס איז א פארשפעטיקטער ענפער אף אייער בריוו פון ערשטן יאנוואר. איך בין קודם ל"ע נישט גיווען גיזונט, און דערנאך אזוי פארנומין מיט אן ארטיקל,(וואס איך וואלט גיווען גידארפ פארענדיקן דים ~~8~~ 31טן דעצעמבער), אז איך האב נישט גיקענט שרייבן קיין שום בריוו.

אויך וועגן עינין מִילך – בגד קען איך היינט נישט שרייבן.

שווער צו פארשטיין, אז דער עולם האט אזוי ווייט פארגעסן דים שורש פונים נאמין מענקע (מיט דער פאלאטאליזירטער נון), אז ער האלט, דאס זענין צוויי באזונדערע נעמין. מצוינט

דענמאן האט מיר גישיקט זיין רעפעראט. ס-איז זייער גוט. איך האב אים גידאנקט, און דערמאנט א פאר זאכן, וואס מע דארף איבער אנדערשן. קיין ענפער האב איך נישט גיהאט.

טאמער האט איר דים טעקסט פון"אייביקן אלף", וועל איך אייך זאגן א שיינים דאנק, אז איר וועט מיר שיקן א קסערא-קאפיע.

הארציקע גרוסן

אסתר
שלמה בירנבוים

אפשר אדער מן-הסתם זענט איר אצינד נישט אין לאנדאן, נאר אין אמעריקע. כ-האב אבער נישט קיין ברירה, ווייל איך האב בלויז אייער ענגלישן אדרעס.

HENDON
10 - AM
17 JLY
1981
N.W.4.



Senders name and address
on the back of envelopes
ensures prompt return of
undeliverable letters

D. Katz, Esq.
21 Lydford Road
Willesden Green
London NW2
England